17 Turks Head Building Providence, R. I.

*Compliments of*

MR. AND MRS.
MORRIS FOWLER

Pl. 9015 Pl. 8300

*We Serve Fro-Joy Ice Cream*

REUTER SPA

We Serve Light Lunches — Soda and Candies
Also Jewish Papers and Tickets for Jewish Shows

244 Prairie Avenue Providence, R. I.

PHILIP GLANZMAN & CO.

*Wholesalers and Distributors*

PAPER - BAGS - TWINE - ETC.
TOYS - JUVENILE FURNITURE

48 CHARLES STREET PROVIDENCE, R. I.
Telephone DExter 6889-6890

*Compliments of*

STRAND CLOTHING CO.

Ready to Wear Men's and Young Men's Snappy Clothes
68 Richmond Street, Corner Pine
Providence, R. I.

*Wishing you all a merry time at the*

THIRD SEDER

and extending to the ladies a cordial invitation to visit our showrooms, when in need of a new spring or summer coat, where you can be assured of exquisite materials and superb workmanship

CAMEO CLOAK MFG. CO.

340 WEYBOSSET STREET
Corner of Weybosset, Empire and Broad Streets

*Telephone DExter 5764*

AMERICAN UPHOLSTERY COMPANY

*Manufacturers of*

DISTINCTIVE UPHOLSTERED FURNITURE

136 HOSPITAL STREET

---

B. HYMAN & SONS, Inc.

INSURANCE

702 Grosvenor Building — Providence, R. I.

GAspee 9648

---

*Compliments of*

ABRAMS THE BUTCHER

---

Fall River — Providence — New Bedford

GORALNIK HAT COMPANY

*Manufacturers of*

HATS AND CAPS

8 Richmond Street — Providence, R. I.

---

*Compliments of*

EASTERN WHOLESALE GROCERY COMPANY

South Main Street

---

*Compliments of*

R. I. SHELL FISH CO.

---

*Compliments of*

Cohen's Delicatessen and Kosher Lunch Room

416 North Main Street — PLantations 9818

---

*Compliments of*

MR. AND MRS. I. RESNICK

---

*Compliments of*

DORIS CORSET SHOP

---

*Compliments of*

KESSLER'S FILLING STATION

Orms, Corner Davis Street

---

*Compliments of*

ARTHUR EINSTEIN

---

*Compliments of*

NATHAN DWARES

A. GOLDBERG

UNITED STATES BOTTLING COMPANY

*Makers and Distributors of the famous*

Hy-Peak and Red-Fox Beverages

142 LIVINGSTON STREET
DExter 4024

---

ECLIPSE FOOD PRODUCTS CORP.
PROVIDENCE, R. I.

*Manufacturers and Distributors*

Flavoring Extracts, Tasti-Mallow, Cane and Maple Syrup

---

Complete Car Painted in Vitralite Enamel..................$25
In Lacquer Spray, $35 Up
TOUCH-UP SPECIALS

Fenders, Aprons, Lower Blackwork Painted ....................$12 Up
Wheels Painted and Striped, Each.................................$2
Top of Hood Painted—Color to Match ..........................$5

FENDERS STRAIGHTENED
As Low As 50c Not Over $3
ESTIMATES ON REBUILDING WRECKS

AMERICAN RADIATOR & BODY CO.

*Body Dents Removed — Welding, Etc.*

216 ABORN STREET GAspee 9837

---

*Drink and Enjoy . . .*

SHILOH CLUB BEVERAGES
The Taste Tells The Tale
*Its Superior Quality Will Appeal to You*

SHILOH BOTTLING CO., Inc.
Providence, Rhode Island

*Makers of*
La Salle Ginger Ale

---

*Compliments of*

CAPITOL WHOLESALE GROCERY CO.

*Home Circle Stores*
PROVIDENCE, R. I.

---

*Compliments of*

F. A. CROSSLEY

---

*Compliments of*

LOUIS DIVINSKY
*Wholesale Delicatessen*
GLENHAM STREET

---

*Compliments of*

JOSEPH KESSLER
*Dairy and Delicatessen Products*

323 NORTH MAIN STREET
DExter 1482

## WHITING MILK COMPANIES

Telephone GAspee 5363

We Are Prepared to Deliver

**Kosher Milk for Passover**

We Specialize in
GRADE A AND GRADE B MILK
Also Cream and Kosher Sweet Butter

## ווייטינג מילך קאמפאניעס

מאכט בעקאנט צו אלע פראווידענסער אידען
אז אונזער מילך איז

**כשר לפסח**

און טראגט דעם הכשר פון
א רב

## HY DIWINSKY

**Delicatessen - Caterer**

*Passover Orders Filled in Advance*

789 Hope Street — Providence, R. I.

*Compliments of*

## LIBERTY PRINTING COMPANY

Isidore M. Zaidman, Prop.

272 North Main Street — Tel. DExter 5560

# A FRIEND

## CAPITAL OIL CO., INC.

*Furnishes Furnace and Fuel Oil*
*Gasoline and Motor Oil*
*Electrol Automatic Oil Burners*

DEXTER ROAD
EAST PROVIDENCE, R. I.

*Better be safe than sorry —*

## BROADWAY BRAKE SERVICE

100 BROADWAY

DAVID BELILOVE — *Proprietor*

***Will take care of your brakes at 1/3 of regular prices***

*Compliments of*

## WILLIAM G. RICH

PROVIDENCE, R. I.

*Compliments of*

## C. W. GRANT

50½ DANIEL AVENUE
BRoad 8307-W

## Milk and Cream

Kosher milk, bottled under supervision of a Rabbi, delivered anywhere in Providence, R. I.

*Compliments of*

## Washington Laundry

# John Alden Brand

*"It Speaks for Itself"*

## FIRST QUALITY CANNED FRUITS AND VEGETABLES

**Let Your Next Canned Food Order be John Alden**

DISTRIBUTORS
STANDARD GROCERY COMPANY

NORTH END MEAT & POULTRY MARKET
Mittleman & Friedman, Proprietors
266 Chalkstone Avenue

WEST END LIVE POULTRY CO.
C. Lombardi, Prop.
**Chickens Dressed Free While You Wait**
47 Arthur Avenue Providence, R. I.

BUCKLIN PARK LAUNDRY SERVICE
J. Hanrahan, Prop.
Office, 54 Plymouth Street Tel. BRoad 0562
**Connected with Mayflower Laundry**

*Compliments of*

SIEGAL KOSHER MEAT MARKET
746 Hope Street

## . . . To Our Advertisers . . .

who have so generously contributed to the success
of the Journal
the committee expresses its deepest gratitude
and appreciation

*The readers are requested to peruse the advertising pages in order to acquaint themselves with the concerns advertising in this book*

# H. BECK & COMPANY

**Printers - Publishers**

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL PROVIDENCE

128 NORTH MAIN STREET, PROVIDENCE

Telephone DExter 8282

*Compliments of*

**Bennett Chevrolet Company**

H. L. BENNETT, *President*

776 ELMWOOD AVENUE

*Compliments of*

**R. I. Wholesale Grocery Co.**

*Compliments of*

NEW YORK BAKERY

*Don't Forget the Place*

Adler's Hardware & Paint Company

Lowest Price — Highest Quality

198 Prairie Avenue Telephone DExter 8135



## A Few Features of the York Unit

SPECIALLY DESIGNED. The York boiler burner combination is a specially designed unit. Into the boiler has been built the basic requirements for efficient and reliable oil burning. Namely, large combustion space, ample heat absorbing surface and strength. It has been designed to work best with the York burner.

LOW OPERATING COST. 30% less fuel is used than with burners installed in furnaces designed for coal.

It is neat in appearance; extremely quiet in operation; dependable—practically no service calls. Highly efficient and therefore very economical on oil and priced frequently less than the cost of an equally efficient boiler alone.

DOMESTIC HOT WATER. The York unit may be had with a domestic Hot Water Heater, supplying plentiful hot water for domestic purposes the year round.

*Sold by*

HIRAM G. ROOT COMPANY

378 ELMWOOD AVENUE PROVIDENCE, R. I.

# Why complicate your insurance problems?

Rarely nowadays will you find a busy executive or individual poring over insurance policies, received from half a dozen sources. Instead, one picks out an insurance house, the reliability of which is unquestioned, and looks to it for a solution of problems of this kind.

To get in touch with this kind of time-and-worry-saving service, call GAspee 7771, and you will be connected with an insurance counsellor who has unlimited facilities at his command.

## HAROLD HOLT & CO.

**INSURANCE**

*171 Westminster St.* *Providence, R. I.*

---

## The Sensation of 1932 . . .

# ROCKNE SIX

*A Studebaker Product*

"65" Model . . . . . . . . . $698.00 Delivered
"75" Model . . . . . . . . . $856.00 Delivered

## H. W. TYAS COMPANY

235 BROAD STREET PROVIDENCE, R. I.

STUDEBAKER DEALERS FOR 13 YEARS



We have lost our Mrs. Feinberg, the finest type of Jewish mother, not only to her own family, but also to every poor and needy family in our community.

She will always be remembered by those with whom she worked and for whom she worked.

NATIONAL LABOR COMMITTEE FOR
JEWISH WORKERS OF PALESTINE

WOMEN'S PIONEER CLUB OF PROVIDENCE

## דער אידישער קעמפּער

### דער אָרגאַן פון אונזער פּאַרטיי

„דער אידישער קעמפּער“ וועט זיין אַ קאַמפּס־צייטונג פאַר׳ן ארבעטער ציוניזם, פאַר אידישער קולטור, פאַר אמעריקאַנער אידישנאַציאָנאַלע און ארבעטער אויפגאַבען, פאַר דעם סאָציאַליזם און אידישער ארבעטער יוניאָן באַוועגונג.

„דער אידישער קעמפּער“ וועט האָבען אַן אינטערעסאַנטע אָפּטיילונג פון ארץ ישראל, וועט געבן באַלייכטונגען איבער׳ן אידישן און ארבעטער לעבן אין מערב איירָאָפּע, אין רוסלאַנד, אין אמעריקא.

„דער אידישער קעמפּער“ וועט זיין אַ צייטונג, געווידמעט צו אַ ריי קולטורעלע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען אונזערע אין אמעריקא און וועט אָפּשפּיגלען אין זיך די וויכטיגסטע אקטיוויטעטען פון אלע צווייגען פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אמעריקא, פון אונזער שול־וועזען און אַזוי ווייטער.

„דער אידישער קעמפּער“ איז די טריבונע פון דער פאַראייניגטער פּאַרטיי פּועלי ציון־צעירי ציון, אָבער וועט אויך זיין דער אָרגאַן פון אידיש נאַציאָנאַלן ארבעטער פאַרבאַנד, פרויען פּיאָנערן אָרגאַניזאַציע און די טוער און פריינט פאַר דאָס ארבעטענדע ארץ ישראל.

„דער אידישער קעמפּער“ וועט זיין אַ פּאַרטיי אָרגאַן. ער וועט אָבער זיין דער אָרגאַן פון אַ פּאַרטיי, וואָס באַטראַכט אירע פּראָבלעמען אלס ברייטע פאָלקס־פּראָבלעמען און וואָס שטרעבט צו דערהויבען זייער באַהאַנדלונג צו אַזאַ מדרגה פון ערנסט און געשמאַק, אַז זיי זאָלען ווערען אינטערעסאַנט און אָנרעגענד פאַר יעדען דענקענדען אידען.

## דער נאַציאָנאַל פאָנד

דער נאַציאָנאַל פאָנד איז תמיד געווען דער פאָנד פון די מאַסען. קיין גרויסע ביישטייערונגען (מיט אַן אויסנאַמע פון אַ פּאָר צענדליג), קיין גאָר גרויסע קאַמפּיינס האָט ער קיינמאָל ניט געהאַט. ניינציג פּראָצענט פון די געשאַפענע געלדער זענען פון ניקעלס און פּעניס. דארום דאַרף ער זיין דער פאָנד, וועלכען מען מוז און מען דאַרף געדענקען יעדען טאָג אין יאָר, ווייל נאָר דאַמאָלס וועט קענען געשאַפען ווערען די מינימאַלע סומע, וועלכע איז נויטיג פאַר אַ פאָלק, וועלכעס וויל אויפלעבען אַ לאַנד — ניט פאַר דעם יחיד, נאָר פאַר דעם גאַנצען אידישען פאָלק.

היינטיגס יאָר איז קיין ספּעציעלער קאַמפּיין פאַר דעם נאַציאָנאַל פאָנד ניט געווען. דארום איז דאָס נאָך אַ גרעסערער חוב צו זעהן, אַז די געלדער וועלכע ווערען געשאַפען פון קלענערע אונטערנעמונגען, זאָל זיין דער דערפאָלג וועלכען דער נאַציאָנאַל פאָנד האָט פאַרדינט.

א. ב.

## די גרונט פּרינציפּען פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פּועלי ציון־צעירי ציון

1. די „אידישע סאָציאַליסטישע ארבעטער פּאַרטיי פּועלי ציון־צעירי ציון“, אלס אַ טייל פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען פּראָלעטאַריאַט, שטרעבט אין איינעם מיט אים צו דער אָפּשאַפונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט־אָרדנונג און צו דער איינפירונג פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.
2. די אידישע סאָציאַליסטישע ארבעטער פּאַרטיי פּועלי ציון־צעירי ציון שטרעבט, אינאיינעם מיט דעם גאַנצען אידישען פאָלק צו קאָנצענטרירען דאָס אידישע פאָלק אין ארץ ישראל און צו באַשאַפען דאָרט אַ אידישע אויטאָנאָמע געזעלשאַפט.
3. די פּאַרטיי נעמט אויף די נאַציאָנאַלע ארבעט אין גלות, כדי אויפצוהויבען די עקאָנאָמישע, נאַציאָנאַלע, קולטורעלע און פּאָליטישע לאַגע פון דעם אידיישען פאָלק אין די גלות־לענדער.
4. די פּאַרטיי איז אַ טייל פונ׳ם אַלוועלטליכען אידיש־סאָציאַליסטישען ארבעטער־פאַרבאַנד פּועלי ציון־צעירי ציון.

## שליסט זיך אָן אלס מיטגליד אין דער פּועלי ציון־צעירי ציון פּאַרטיי!

די אידישע סאָציאַליסטישע ארבעטער פּאַרטיי פּועל ציון־צעירי ציון טרעט איצט אריין אין 25טן יאָר פון איר עקזיסטענץ און קאַמף. די אידייען צוליב וועלכע זי איז געגרינדעט געוואָרען, האָבען געוואָרען טויזענטער און טויזענטער אָנהענגער; אַ רייע באַדייטענדע אָרגאַניזאַציעס — דער נאַציאָנאַלער ארבעטער פאַרבאַנד, די פרויען פּיאָנערען אָרגאַניזאַציע, דער געווערקשאַפטען קאַמפּיין — טראָגען די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע אידייען, באַטייליגען זיך אין דער ארבעט פאַרן אויפבוי פון אַ סאָציאַליסטישע ארץ ישראל און פאר דער דערהויבונג פונם אידישען ארבעטער לעבען אין אלע לענדער.

די פּאַרטיי איז אָבער נאָך אַלץ דער קראַפט צענטער פון דער גאַנצער באַוועגונג, זי טראָגט די הויפּט אחריות פאַר איר גורל און אירע אויפטועןָ. אַ שטאַרקע פּאַרטיי איז היינט נויטיגער ווי ווען עס איז פריער.

די פּאַרטיי פירט איצט אָן אַן אָרגאַניזאַציאָנס קאַמפּיין צו געווינען נייע מיטגלידער, צו רעאַקטיווירען די אָפּגעשטאַנענע. שליסט זיך אָן אין דער פּאַרטיי!

**פאַר מעהר איינצעלהייטען זיך צוָ ווענדען צום סעקרעטאַר פון די היגע פּועלי ציון־צעירי ציון, ארטור קאָרמיין, 13 באַלקאָם סטריט, פּראָווידענס.**

## די היינטיגע מגילה

פון שלמה לייטמאַן

געלייענט געוואָרען פורים צו דער סעודה — מ'קען דערמיט יוצא זיין פסח צו דער הגדה

### ויהי בימי

ס'איז געווען, ס'איז אויך דאָ אין היינטיגע צייטען
די זעלבע המנ'ס, וואָס טוהן זייער נאָמען נאָר בייטען
מיר האָבען דאָך אָבער א אלטע קבלה
אז זיי וועלען דאָך האָבען המנ'ס מפלה

היטלער הרשע האָט געוואָלט פרעזידענט ווערען
די אידען אומצובריינגען זאָל אים קיינער ניט שטערען
האָט ער באקומען א פייג א גרויסע
און מיר וועלען מאכען די אמת'ע כוסה

דער מופטי דאָרט אין הייליגען לאנד
ס'מעג אים אָפּראַרען די רעכטע האנט
וואָלט אויך געוואָלט די אידען אומברייגגען
זאָל ער זיך ווי המן אויף א תליה אויפהענגען

אין לאנד רומעניע איז דאָ א רשע א גוי
קוזא איז זיין נאָמען ימח שמו
די אידען טוהט ער דאָס לעבען פארשטערען
מעג ער טאקע די כפרה ווערען

מרדכי'ס האָבען מיר אויך היינטיגע צייטען
אידען מיט פאָרטפעלען גאָר ווי ביי לייטען
איינער בויעט דער צווייטער צושטערט
דער דריטער שרייט אלס כסדר פארקערט

ווייצמאַן האָט דאָך ווי א איד א חרוץ
געקראָגען א מגילה פונם גרויסען פרייז
טייטשט מען זי אָבער פונקט פארקערט
האָט זי אין גאנצען א שמעק טאבעק די ווערט

דער שני למלך וואָס מיר האָבען פארמאָגט
דער מפטיר און חורבה ווי א וואסער געזאָגט
די מגילה האָט ער אָבער זעהר שלעכט געלייענט
רעם עבר הירדן די אראבער געשיינקט

זשאבאָטינסקי איז דאָך א העלד מיט שפּאָרען
פאָכט מיט דער שווערד בלאָזט מיט'ן האָרען
א פאָך מיט דעם שווערדעל אהין און אהער
עס ווערט גלייך געשאָסען מיט פארפוילטע אייער

א אסתר המלכה קלויבט פאר אונז אוים
דער פארבאנד אין ניו יאָרק יאָר איין און יאָר אוים
צוויי דאָלאר מזומען און עטליכע ניקעל
עס ווערט גלייך געקרוינט א מלכה א אנטיקעל

פעלט אונז נאָך אוים א אחשורש המלך
זענען מיר טאקע צופרידען און אויך גאנץ פריילץ
לאָמיר זשע טרינקען אלע פיער כוסות
און דעם מרור . . . פארזיסען מיט בני־ברק חרוסת

## די יוגענט שבועה

פון די יונגע פועלי־ציון

בלאָנדזשע מער ניט אין דער פינסטער,
וואנדער מער ניט אין דער נאכט
פריי און מוטיג, פאָראוים, יוגנט!
ליכט און וויסן איז דיין מאכט!

לאָז ניט צווייפלענדיך באהערשן,
טויט דעם יאוש אין דיין ברוסט
פריי און מוטיג, פאָראוים, יוגנט,
ס'וועט דיין קאמף ניט זיין אומזיסט.

ס'וועט א העלע זון נאָך שיינען
און באשטראלן גאָר די ערד,
נאָר ביז דאן זיי מוטיג, יוגנט,
ניט פארלאָז פון האנט דיין שווערד.

מעג דיין וועג זיין פול מיט שטיינער,
ניט שרעק זיך, יוגנט, פאר דעם רוט!
פאר דער פרייהייט מוז מען קעמפען,
ביז דעם לעצטען טראָפען בלוט!

### ווען — ווען

ווען—ווען—ווען—ווען זינגט א חלוץ
ווען—ווען—ווען—ווען ער זיצט אין קיבוץ
ער זיצט אין קיבוץ, וויל ער דאָך עסען
זינגט ער א ליד ער זאָל זיך פארגעסען

ווען—ווען—ווען—ווען זינגט א חלוצה
ווען—ווען—ווען—ווען זי זיצט אין קבוצה
זי זיצט אין קבוצה וויל זי דאָך עסען
זינגט זי א ליד, זי זאָל זיך פארגעסען

ווען—ווען—ווען—ווען זינגט א קאָמוניסט
ווען—ווען—ווען—ווען ער דערזעהט א ציוניסט
דערזעהט ער א ציוניסט וויל ער אים אויף עסען
זינגט ער א ליד ער זאָל זיך פארגעסען

ווען—ווען—ווען—ווען זינגט א רעוויזיאָניסט
ווען—ווען—ווען—ווען ער דערזעהט א פועל־ציוניסט
דערזעהט ער א פועל־ציוניסט, וויל ער אים אויף עסען
זינגט ער א ליד, ער זאָל זיך פארגעסען.

## דער קינדער אינטערנאַציאָנאַל

(מיט דער מעלאָדיע פון אינטערנאציאָנאל)

מיר זיינען קינדער אלע גלייכע,
מיר זיינען אלע יונג און שעהן.
ניטאָ קיין אָרימע קיין רייכע —
מיר קאָנען זיך אָן דעם באגעהן!

מיר זיינען פון דער וועלט די זוימען
פון ליבע, ארבעט, פרייד און מוט;
מיר זיינען גאנצע מיליאָנען
מיט שטארקע הענט און הייסע בלוט.

זאָלן לעבן די קינדער,
זאָלן וואקסן גאנץ גרוים!
צום שאפן, צום בויען
מיט לידער געהט פאָראוים!

# א שפּאַציר איבער אונזערע אינסטיטוציעס

## דער גמילת חסד אַף פּראָווידענס

ווען מען לייענט דורך דעם רעפּאָרט פון לעצטען יאָר, און מען געפינט אויס, אז מער ווי צוויי טויזענט דאָלאר זענען געשאפען געוואָרען נאָך אלע הוצאות; ווען מען לייענט אז פיר הונדערט פינף און צוואנציג הלואות זענען געמאכט געוואָרען לעצטען יאָר, פון וועלכע אכציג פּראָצענט זענען פון הונדערט ביז צוויי הונדערט דאָלאר, מוזין אפילו די גרעסטע געגנער צו געבען, אז דער גמילת חסד האָט געטאָן און טוט גוטע ארבעט, און די בעאמטע און דירעקטאָרען מעגען מיט דעם שטאָלצירען. בפרט ווען מען נעמט נאָך אין אנבאטראכט די שלעכטע עקאָנאָמישע לאגע אין וועלכער מיר געפונען זיך די לעצטע צוויי יאָר, איז דאָס געוויס א גרויסער אויפטו. פילע זענען געראטעוועט געוואָרען מיט דער הלואה וועלכע זיי האָבען געקראָגען פון דעם גמילת חסד.

עס וויל זיך האָפען, אז די פירער וועלען זיך נעמען ערענסט פארטראכטען צו געפינען מיטלען, ווי אזוי צו קענען ארויס געבען גרעסערע הלואות, און ווי זאָגט די וועלט: „יגעתי, מצאתי“ — אז מען זוכט געפינט מען; אז מען טראכט, דערטראכט מען זיך. פילע מענטשען וואָלטען געקענט ראטעווען זייערע קליינע געשעפטען; פיעלע וואָלטען געקענט ראטעווען זייערע הייזער, ניט צו פארפאלען ווערען אין די הענט פון דעם „מאָרגעדזשיר“ מיט עטליכע הונדערט דאָלאר, ספּעציעל אין א צייט פון א קריזיס! יאָ מען דארף טראכטען וועגען דעם — מען מוז זוכען מיטלען צו פארגרעסערען די הלואות!

---

## דער סאוטה פּראָווידענסער גמילת חסד

א שווער יאָר האָט געהאט דער סאוטה פּראָווידענסער גמילת חסד. מען קען זאָגען, אז די בעאמטע האָבען געזוכט אלע מאָל נייע מיטלען צו פארבעסערען דעם איינקונפט, וועלכער איז אזוי נויטיג געוועזן צוליב די גרויסע צאָל אפּליקיישאָנס וואָס זיי האָבען געהאט. די עטליכע הונדערט דאָלאר וועלכע זיי האָבען געמאכט נאָך אלע הוצאות לעצטען יאָר איז טאקע ממש א נס, פון די נסים וועלכע טרעפען זיך ניט תמיד, נאָר דורך שווערע ארבעט.

---

## מרים האָספּיטאל

קיין שום אינסטיטושאָן בא אונז אין שטאָט, האָט ניט געפילט דעם קריזיס, ווי גרויס ער איז, ווי דער האָספּיטאל. מענטשען וועלכע האָבען צוריק מיט דריי, פיר יאָר געקענט צאָלען פאר מעדיצינישע הילף, האָבען היינטיגס יאָר געמוזט אָנקומען נאָך „פרייע מעדיצינישע באהאנדלונגען“. דאריבער זענען טאקע די „וואָרדס“ תמיד פול. און פיעלע מאָל קען מען ניט נאָכקומען די פאָדערונג. כאָטש פיעלע מאָל מוז מען נוצען פּריוואטע רומס פאר וואָרט פּאציענטען, איז דאָס אָבער ניט גענוג. א שווערע פּראָבלעם האָט פאר זיך דער האָספּיטאל מיט עלטערע מענטשען, וועלכע מען קען ניט אויסקורירען און פיעלע מענטשען ווייסען ניט, און פיעלע ווילען ניט וויסען, אז א האָספּיטאל קען ניט האלטען מענטשען וועלכע זענען ניט (צום באדויערען) אויס צו קורירען.

עס האָט זיך ארויס געוויזען לעצטענס, אז א „קאָנוועלעסענט האָום“ ווי עלטערע קראנקע מענטשען, זאָלען זיך קענען געפונען אונטער דער אויפזוכט פון א דאָקטאָר און נוירסעס, וואָלט געווען א גרויסע הילף פאר די, וועלכע מען קען צום באדוירען ניט אויס קורירען, און ניט די היים, און ניט דער האָספּיטאל, קען עפּעס טאָן פאר זיי. אזא „האָום“ וואָלט פארענטפערט די אָנגעווייטיגטע פראגע, און מען וואָלט קיין טענות ניט געהאט צום האָספּיטאל, פאר ניט ארייננעמען די אונקיורבארע פּאציענטען: דער סך הכל איז: א שווער יאָר. אָבער פון גוטער, נוצלאכער ארבעט פאר די מענטשען וועלכע דער האָספּיטאל האָט געקענט געבען מעדיצינישע הילף, און די זענען געווען אין די הונדערטער, בפרט דער „האוט פּיישאָן דעפּארטמענט“ וואו טויזענטער מענטשען האָבען געזוכט הילף דורך דעם יאָר.

## דער מושב זקנים

גאָר אין גיכען, נאָך אין א פּאָר וואָכען, און די טירען פון דעם נייעם בילדינג, פאר דעם מושב זקנים וועלען געעפענט ווערען. געבויעט נאָך די נויטיגסטע פארזיכערונגען געגען פייער, געבויעט מיט די בעסטע באקוועמליכקייטען, פאר די מענטשען וועלכע וועלען זיך דארפען מאכען זייער „היים“ אויף די עלטערע יאָרען, אויסגעמעבעלירט אויף דעם שעהנסטען אופן, עס זאָל טאקע זיין ווי א היים, ניט נאָר ווי א אינסטיטושאָן.

די אידען פון אונזער שטאָט און סטייט, וועלען מיט רעכט קענען זאָגען: אז זיי האָבען געטאָן זייער חוב, סאַי צו די זקנים און זקנות, צו די וועלכע האָבען ניט געקענט זיך פארזאָרגען מיט א הייב אויף די עלטערע יאָרען, און אויך טאקע צו די אידען פון אונזער סטייט, אז זיי זאָלען האָבען א רעכט צו פארעכענט ווערען צווישען די רחמנים בני רחמנים.

---

## דער בית יתומים

זייענדיג היינטיגס יאָר בא דעם יערליכען מיטינג, און צוקוקענדיג זיך ווי די קינדערלאך זענען געוועזן מונטער־פרעהליך, ארום געהענדיג מיט א שמייכעל, האָט יעדער איינער געקענט פארשטעהן, אז די קינדער קריגען אלס פון דעם בעסטען און זענען אונטער א גוטער „השגחה“. זייער דעקלאמירען; זייער זינגען און טאנצען; זייערע „פיזישע איבונגען“, וועלכע זיי האָבען געוויזען, און אויס הערענדיג דעם רעפּאָרט פון דער דערציהונג, וועלכע זיי האָבען באקומען, האָט מען געלערענט, אז מען באציעט זיך צו זיי, ניט ווי צו „יתומים“, נאָר טאקע ווי צו אייגענע קינדער.

---

## די דזשואיש וועלפעיר

די דזשואיש וועלפעיר, וועלכע פארנעהמט דעם פּלאץ פון דער סאוטה פּראָווירענס לײדיס אייד, און פון דער „מאָנטיפערע־בענעוואָלענט אסאָסיאייאָשן“, איז די סאָסעטי, וויפיל גוטע ארבעט זי זאָל טאָן, וועלען זיך מוזען געפונען מענטשען וועלכע וועלען ניט זיין אין גאנצען צופרידען, ווייל די שטיצע, וועלכע די „דזשואיש וועלפעיר“ גיט, קען קיינמאָל ניט זיין צופרידענשטעלענד פאר די, וועלכע מוזען אָנקומען נאָך הילף. ווי קליין די פארדינסטען זענען פון דעם וואָס ארבעט, קען קיין שום סאָסייעטי ניט געבען אפילו א העלפט, בפרט נאָך אין אזא שלעכטער צייט, וועלכע מיר לעבען יעצט דורך, וועלכעס די וועלכע מוזען אָנקומען נאָך שטיצע האָט זיך פארדאָפּעלט, איז געוויס שווער צופרידענשטעלען די גרויסע פאָדערונגען. דער עקר איז נאָר, אז דאָס ביסל וואָס ווערט געגעבען, מוז, און זאָל געגעבען ווערען אויף דעם בעסטען פריינדליכען וועג.

---

## די לײדיס יוניאָן אייד

די לײדיס יוניאָן אייד, האָט זיך כשר פארדינט דעם צוטרויען און די אונטערשטיצונג, פון יעדען אידען בא אונז אין שטאָט. זיי האָבען תמיד געטאָן, און טוען אויך יעצט, אלס וואָס איז מעגליך, צו פארגרינגערען די לײדען פון די, וואָס דארפען אָנקומען נאָך שטיצע, אויף וויפיל זיי האָבען דאָס בכח צו טאָן.

---

## די לײדיס היברו פרי לאָען

נאָך גאָר ניי. מען קען ניט זיכער זאָגען, וואָס פון דעם קינד וועט אויסוואקסען. די סמנים ווייזען זיך, אז עס זאָל זיין א „נפש של קימא“ מיט גוטע מעלות, און טאקע מיט אלע מעלות. די צייט וועט אונז ווייזען, צו עס האָט פארדינט די ארבעט. עס וויל זיך האָפען, אז די לײדיס פרי לאָען וועט אין גיכען קענען אָנווייזען, די עקזיסטענץ בארעכטיגונג, און צופרידען שטעלען אלעמען, אפילו די וואָס זענען געווען געגען שאפען די נייע סאָסייעטי, ווייל באמת האָבען מיר צופיל סאָסייעטיס בא אונז אין שטאָט.

# ווידער האָב איך אייך דערזעהן אין אייער געפאַלנקייט . . .

פון ח. נ. ביאַליק *)

ווידער האָב איך אייך דערזעהן אין אייער געפאַלנקייט, און מיין האַרץ איז א שאָל טרערן —
ווי אָרים איר זייט געבליבן פּלוצים, ווי הילפלאָז איר זייט געוואָרן!
ווי עלענט פאַרלאָזן איר זייט, אָן א וועג, אָן אַן עצה אין לעבן!
און קיינער ניטאָ וואָס זאָל גנעדיגן אייך און זאָל טרייסטן, און אָפּהיטן אייערע טריט אייך.
ווער האָט די פרייד פון דער גאולה פון אייער אויג פאַרווישט, ווער האָט איר פייער פאַרלאָשן?
פאַרוואָס איז פאַרוועלקט אייער ליפּ, און וואָס איז אייער קול היינט געפאַלן?
און נעכטן נאָך האָט איר פאַרקלונגען דאָס אויער, און באַלקנס האָבן אָפּגעהילכט פון אייער שאַלן!
ווער האָט דעם מאָרגנשטערן אייערן פאַרלאָשן, איידער ער האָט זיך צעצונדן?
ווער האָט די פרייד פון האָפנונג און פון ענדציל פון דעם אָרימענ'ס געצעלט פאַרשניטן,
געלעכטער און געזאַנג פון קינדער און פריידיגן גערויש פון פאָלקס־פאַרזאַמלונגען?
ווער האָט אייערע בהורים פאַרנאַרט, געטאָן זיי פון דעם יוגנד־וועג פאַרפירן,
געמאַכט זיי פטר'ן די יוגנד־קראַפט אויף גאָרנישט, צו שאַנד־און־שפּאָט געמאַכט זיי —
ווער האָט די מיילער אויפגעריסן זיי, מיט פוסטן ווינד זיי אָנגעבלאָזן?
ווער האָט זיי רעם געדאַנק אריינגעגעבן, ווערן לערער, ווערן פירער, אָנשטאָט אליין צו לערנען זיך און האָרכן.
און וואָס איז דער שטענדיגער גוסשטראָם פון יעדער עסטראַדע אויף אייערע קעפּ —
אַן אויסגוס פון ליידיגע ווערטער, אַן אָפּפאַל פון שטרויענער פּלעווע,
וואָס מאַכט אייער ליכטיגסטן חלום פאַר אומווירדיק, מיאוס און העסליך.
ווער האָט אויף אייער לייב צעבליט די קרעץ פון די געמיינע נביאות־זאָגער,
די טמא־נפשות, פאַרשטעלטע צדיקים, מיט נעסטן פון שרצים אין האַרצן,
וואָס רייסן דעם גאַנצענעם טאָג זיך, אין ווילדע קאָנוואולסען, מיט שוים אויף די ליפּן, צום גרויסן;
און כאַפּן זיי אָן מיט די ליפּן דאָס גרויסע, און מאָנענדיג גרויסעם פון צווייטן, —
איז יובלען זיי הילכיג, און ס'שרעקט זייער האַנד זיך נאָך שכר, ווי זיי וואָלטן דאָס גרויסע געפּאַקט שוין,
ווער האָט אויף אייך אָנגעשיקט די מחנה פון פעדער־און־צונג שאַרפער —
די קרעציגע מהנה, צעפרעסן פון שנאה, פאַרברענטע פון קנאה,
צו אָנרייצן ברודער אויף ברודער, וואָס מאַכן דאָס אייגענע לייב אייך צו עסן,
פאַרשמוצן דאָס הייליגסטע אין אייך, מיט אומריינעם אָטעם און שטאָך פון די פינגער?
ווער האָט אייער בונט היינט צעריסן, פאַרטיילט עס צו נאַרישע אינגלאַך,
וואו זיינען צעשפּרייט די פאַרבינדעטע אייעדע, וואָס שפּעטיגט זיך אייער פאַרזאַמלער?
וואו האָט די באַפוילנדע שטים זיך באַהאַלטן, פאַרוואָס גרייכט עס מער ניט צום אויער?
ס'האָט אויסגעלאַכט גאָט זיך פון אייך, פון אַזעלכע נביאים פאַרפירטע —
און מאָרגן וועט זי אייך, פאַרשעמטע, באַליידיגטע, אייך אומקערן ווידער צום וועג פון יסורים
כדי אייך פּרובירן, צו פייניגן אייך ביז צום טויט, און נאָך ערגער פון טויט.
אויפן בויך אומצוקריכן, אַן אויסוואורף פון אַלע משפּחות פון וועלט דער גרויסער,
געטראָטן פון איטלאַכן פוס, א חרפּה פאַר מענטשן,
צו טרינקען דאָס שפּאָט אָנשטאָט וואַסער, און שפּייעכט שטאָט ווייִנען צו שלינגען,
און קייען די שערבלאַך פון גיפטיגן בעכער, ווען אויסגעזופּט איז שוין זיין היוון —
ביז קומען וועט איר צו דעם טיש פון די גאָטגעלאַדענע אויסגעלייזטע פעלקער,
וואָס שליסן דעם בונט פון אַן אייביגן שלום איבער אייערע קרבנות
און קלייבן וועט איר אונטער זיי די פינגער אָפּגעהאַקטע פון אייערע הענט און פיס.

און אין איטלאַכנס האַנט ביי אייך טויט, אז איר קענט זיך אליין שוין ניט העלפן?
איז גאָרנישט ניטאָ שוין א מאַן אין יהודה, קיין איינער אין אייערע לאַגערן,
א מאַן פון גבורה, א מעכטיגער הערשער, א גייסטיגער גבור, א פירער פון פאָלק,
א ליכטיגער גייסט, מיט אַן אייזערנע רוט און פאַרשטענדעניש ביי אים אין די הענט,
וואָס זאָל אָנעמען אייך פאַר די קעפּ, מיט די מעכטיגע הענט אייך צעטרייסלען,
ווי מען טרייסלט א שכור'ן אויף, וועלכער וואַרגט זיך אין אייגענעם מייקען, —
כדי אייער קראַפט אויפצוועקן, אייך אויפלעבן, און אויף די פיס אייך צו שטעלן.

ווי אָרים איר זייט פּלוצים געבליבן, ווי הילפלאָז איר זייט געוואָרן!
ווי עלענט פאַרלאָזן איר זייט, אָן א וועג, אָן אַן עצה אין לעבן —
ווידער האָב איך אייך דערזעהן אין אייער געפאַלנקייט, און מיין האַרץ איז א שאָל טרערן . . .

איבערזעצט: י. י. שוואַרץ.

*) דאָס איז ח. נ. ביאַליק'ס פּאָעמע, וואָס איז א קורצע צייט נאָך דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, — וועלכן דער דיכטער האָט בייגעוואוינט — דערשינען אין דער העברעאישער פּרעסע. דער אַלגעמיינער איינדרוק איז א די פּאָעמע איז געצילט געגן די רעוויזיאָניסטישע מעשים תעתועים אויפ'ן קאָנגרעס, וואָס האָט זיך דערפאַר ארום איר צופלאַקערט א פּאָלעמיק.

# צום זעכציק יאריקן יובילעאום פון דוד פינסקי

## א באגריסונג פון דר. ח. זשיטלאָווסקי

מיט די געפילן פון הארציקסטער דאנקבארקייט און טיפער פאר־ערונג באגריס איך מיין ליבן פריינט און חבר, דוד פינסקי, צו דעם דאָפּעלטן יובילײ פון זיין זעכציק־יאָריקן געבורטס־טאָג און פון זיין פערציק־יאָריקער ליטעראַרישער און געזעלשאפטלאכער ארבעט.

מיט הארציגסטער דאנקבארקייט באגריס איך אים ניט נאָר פאר די שעה'ן פון עסטעטישן תענוג, וואָס זיינע קינסטלערישע ווערט, אין אזא קלאסיש ריינעם אידיש, האָבן מיר פערזענלאך פארשאפט; נאָר אויך דערפאר, וואָס, דורך די רייכע אוצרות, וועלכע ער האָט אריינגעטראָגען אין אונזער יונגער מאָדערנער ליטעראטור, האָט ער געהאָלפען איר, צו באפעסטיקן זיך, ווי א באזונדערע נאציאָנאל־אידישע קולטור־ספערע.

דוד פינסקי געהערט צו אירע ערשטע אויפבויער, ער איז עד היום איינער פון אירע וויכטיקסטע און פרוכפערדיקסטע מיט־בויער און מיר האָבן נאָך פיל צו דערווארטן פון אים אין דער צוקונפט.

אויך אין אָט דעם נאציאָנאל־פּראָגרעסיווען קאמף אונזערן האָבן מיר נאָך פיל צו דערווארטן פון זיין אומדערמידלאכער קראפט, פון יענער הויך־מענטשלאכער „תפארת שבגבורה“, צו וועלכער ער שטרעבט זיין נשמה סאי אין זיין קינסטלערישן שאפן, סאי אין זיין פובליציסטישן קאמף.

איז אונזער אלעמענס וואונש און ברכה צו זיין יום טוב, וואָס איז אויך אונזער אלעמענס יום טוב, עס זאָלן ניט אָפּגעשוואכט ווערן זיינע כחות; ער זאָלן אים באערט זיין נאָך פילע און פילע יאָרן פון פרוכפערן שאפן, און אז אין זיי זאָל ער געפינען זיין פרייד און זיין גליק.

## א באגריסונג פון די פועלי ציון־צעירי ציון

די חברים און חברות פון פּראָווידענס שליסען זיך אָן צי די צענדילגע טויזענטער פון די פריינד און פארהערער פון אונזער ליבען חבר און פירער דוד פינסקי און באגריסען אים צו זיין זעכציג יאָ־ריגען יובילעאום און ווינשען אים פילע יאָרען פון פּראָדוקטיווען שאַ־פען און אקטיווער פירערשאפט אין דער ציוניסטיש־סאָציאליסטישער באוועגונג.

פועלי ציון־צעירי ציון

ברענטש 41, אידיש נאציאָנאלער ארבעטער פארבאנד

## א באגריסונג פון פרץ הירשביין

צו גיין מיט גרינגע טריט דורכן לעבן קומט נאָר אָן גרינג דעם, וואָס פילט ניט בעת ער טרעט אויף אימיצן אָן. שווער קומט אוים צו גיין מיט גרינגע טריט פאר דעם, ביי וועמען די קני ברעכן זיך אונטער אָנטרעטנדיק אויף לעבן.

דוד פינסקי איז געבענטשט מיט דעם דאָזיקן אינסטיקט ניט צו טרעטן אויף לעבן. כאָטש מענטשן, וואָס גלויבן אין יענעמס רעכט אויף צו אָטעמען אונטערן הימל, זיינען ניט שטענדיק אויסגעהאלטן; דער דרך־הישר איז ניט שטענדיק פאר אלעמען דער גלייכער — דוד פינסקים דרך־הישר איז דער פרידלאכער; איז דער אויסדערווײלטער. איז דאריבער דער אייביקער.

אומגערעכטיגקייט אין לעבן האָט פינסקי באמערקט פריער פון א סך אָנגעזעענע פאָרשטייער אין דער אידישער ליטעראטור: אומ־גערעכטיגקייט פון די הערשענדע פעלקער לגבי אונזער פאָלק; אומגע־רעכטיגקייט פון הערשענדיקן קלאס צו די ברייטע מאסן. אזא איינעם האָב איך אים באגעגנט אין דער ליטעראטור נאָך גאָר אין רי יונגע יאָרן. אזא איינעם באגעגן איך אים אין לעבן פאר די לעצטע צוואנציק יאָר, זינט איך האָב געהאט דעם כבוד און פארגעניגן מיט אים צו קומען פנים־ אל־פנים.

אין זיין געגענווארט איז דער מענטש אין מיר קיינמאָל ניט באַ־ליידיקט געוואָרן. דער מענטש אין אים גיט איבער אויף דעם נאטיר־לאכסטן אופן די מאָס פרידלאכע גוטסקייט, וואָס קומט פון בלוט דורכן פאדשטאנד. ער טראָגט ניט קיין ביטערקייט פאר זיין קומען מיט זיינע ווערק צו־פרי; אָדער ניט אויפן ריכטיקן אָרט ביי אונזער אידישער גאס, וואָס האָט נאָך פאר קיינעם פון אונז ניט קיין באַק־וועמען אנלען.

דור פינסקי, דער געבוירענער דראמאטורג, וואָס האָט א גרויסע צאָל פיעסן געשריבן און שרייבט ביז היינטיקן טאָג; דוד פינסקי, דער שטענדיקער זוכער אין זיינע פיעסן סאי אין אינהאלט און סאי אין פאָרם — ער פארמאָגט בלויז א גוטן שמייכל. בעת מען רעדט אין זיין געגענווארט ארום די סיבות פארוואָס די אידישע בינע ווערט ניט ווי געהעריק איז געגערט פון זיינע פיעסן. איך האָב אין דעם שטענדיק געזעהן די בלוטאָרימקייט פון דער אידישער בינע.

דוד פינסקים שטארקייט איז זיין גלויבן אָן אויסדויער. ווייל די בעסערע צייט פאר די בעסערע בויער פון אונזער פאָלקס קולטור איז נאָך ניט געקומען. אָבער זי וועט קומען. דאָס זעהט פינסקי קלאָר. ער רעט פון דעם מיט פרייד. דאריבער איז גוט מיט אים. זיין גלויבן — איז פאָלקס גלויבן. זיין גלויבן אין דער דערוואכונג און באפרייאונג פון די פאָלקס מאסן — איז אודאי אונזער גלויבן און אונזער האָפ־נונג. צו דער דאָזיקער באפרייאונג געהט ער אנטקעגן מיט גלויביקע טריט — דוד פינסקי־טריט.

און איצטער, ווען די אידישע וועלט יום־טוב'ט דוד פינסקים זעכציק יאָריקן יובל, ווינטש איך אים, ער זאָל נאָך לעבן א סך, א סך געזונטע יאָרן, מונטערע יאָרן — ווי ער איז צו דעם באשאפן.

לעבן אין איין צייט מיט דוד פינסקין איז א כבוד. שטעהן אין זיינע ד' אמות — איז ווי צו שטעהן מיטן פנים צום באגינען.

## דער אידישער נאציאָנאלער ארבעטער פארבאנד

(פאָרזעצונג פון פיידזש 5)

די לעצטע צייטן ווען דער מורא'דיקער קריזיס האָט ארומגעכאפּט מיליאָנען פון דער אמעריקאנער באפעלקערונג, און צענדליקער טויזענ־טער פון די אידישע ארבעטער און פאָלקס מאסן איז קלאָרער געוואָרן מער ווי ווען ס'איז פריער די גרויסע באדייטונג פון אזא אָרדן ווי דער פארבאנד וועמעס בענעפיטן עס זענען פונקט אזוי זיכער ווי די בענע־פיטן פון גרויסע פארזיכערונגס געזעלשאפטן און אחוץ דעם שאפט די אָרגאניזאציע א קרייז פון חבר'שאפט און פריינטשאפט פאר יעדן מיטגליד, און א מעגלאכקיים צו קריגן הילף אויף א חבר'שן אויפן אין א צייט ווען הילף איז נויטיק און די אָרגאניזאציע שאפט אויך אין דער זעלבער צייט א מעגלאכקייט פאר טויזענטער מענטשן זיך גע־זעלשאפטלאך און קולטורעל אויסצולעבן, דורכצופירן אקטיוויטעטן פון א נאציאָנאלן, קולטורעלן און ארבעטער באראקטער וואָס ברענגט נוצן סיי די אידישע ארבעטער און פאָלקס מאסן און סיי דער מענט־הייט בכלל.

מיר האלטן אז עס איז איבעריק צו דערקלערן די וויכטיקייט אז יעדער מענטש מוז געהערן צו א קערפערשאפט סיי פאר זיין פערזענ־לאכער נוצן סיי פאר די נוצן פון זיין פאמיליע און סיי צו באפרידיגן דעם אינערלאכן דראנג וואָס יעדער איינער האָט אין זיך געזעלשאפט־לאך זיך אוים צו לעבן. באקענט זיך דארום גענויער מיט די צילן און אויפגאבען פון אידיש נאציאָנאלן ארבעטער פארבאנד, מיט די בע־נעפיטן וואָס ער גיט צי זיינע מיטגלידער און מיט דעם פלאץ וואָס ער פארנעמט אין דעם אידישן ארבעטער און פאָלקס לעבן אין אמעריקא און אין דער גאנצער וועלט און איר וועט זיכער באשליסן אז עס איז אין אייערע אינטערעסען צו געהערן צו דער אָרגאניזאציע.

אויב איר זענט נאָך ניט קיין מיטגליד אין פארבאנד שליסט זיך אָן! פאר אינפאָרמאציע זיך צו ווענדען צום סעקרעטאר א. קארמאן 13 בעלקאָס סטריט.

# דער אידישער נאַציאָנאַלער ארבעטער פאַרבאַנד

## זיינע אויפגאַבן און פאַרצווייגטע אקטיוויטעטן

פון ל. סיגאַל

דער אידיש נאַציאָנאַלער ארבעטער פאַרבאַנד אזוי שוין ניט קיין פּנים חדשות אויף דער אידישער גאַס אין אמעריקאַ. ער איז געגרינדעט געוואָרן אין 1912 און די גרינדער האָבן זיך געשטעלט אלס אויפגאַבע צו שאַפן א נייעם טיפּ אידישן ארבעטער אָרדן וואָס זאָל געבן זיינע מיטגלידער די בעסטע בענעפיטן פאַר די מינימאַלסטע צאָלונגען און זאָל זיך אויך באַטייליקן אין אַלע אידיש, קולטורעלע, נאַציאָנאַלע און ארבעטער טעטיקייטן.

פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין עקזיסטענץ האָט ער שטענדיק געזוכט דורכצופירן זיין ארבעט אין די ריכטיגע ליניען וואָס ער האָט פאַרזיך אָנגעצייכנט ביי זיין גרינדונג, און די ברייטע אידישע מאַסן האָבן אין פאַרלויף פון די פילע יאָרן געהאַט א געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיטן פאַרבאַנד סיי אלס ארדן וואָס זאָרגט פאַר דעם וואוילזיין פון זיינע מיטגלידער און סיי אלס אידיש, קולטורעלער, נאַציאָנאַלער ארבעטער קערפּערשאַפט.

ניט קוקענדיק אויף זיין ביז איצטיקער שוין ברייטער פּאָפּולאַריטעט איז אָפטמאָל נויטיק נאָכאַמאָל צו אונטערשטרייכן זיינע הויפּט צילן.

איבערגעענדיק דעם אידעאיישן אינהאַלט פון פאַרבאַנד אלס אידישער ארבעטער קערפּערשאַפט איז גענוג צו ציטירן פאָלגענדע פּונקטען פון דעם פאַרבאַנד'ס קאָנסטיטוציע:

„מיר אידישע ארבעטער, אנערקענענדיק די נויטווענדיקייט פון געגנזייטיקער הילף אין פאַל פון טויט, נויט און קראַנקהייט; באַגרייפענדיק אויך דאָס אומנאָרמאַלע לעבן פון אידישן פאָלק און די סאָציאַלע אומגערעכטיקייט פון דער היינטיקער געזעלשאַפט; געפינען מיר פאַר נויטיק צו אָרגאַניזירן זיך אין א קערפּערשאַפט וואָס האָט אלס איר צוועק די פאָלגענדע אויפגאַבן:

א) געבן לעבנס און קראַנקען פאַרזיכערונג, באַזירט אויף וויסענשאַפטלאַכע אויסרעכענונגען, פאַר אירע מיטגלידער.

ב) שטאַרקען דעם נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן באַוואוסטזיין פון די אידישע מאַסן דורך דערציאונג און בילדונג. קעמפן געגן אסימילאַציע, אנטייל נעמען אין דער ווידער אויפבויאונג פון דעם אידישן פאָלק אין אַלע וועלט טיילן און העלפן אויפבויען א אידיש נאַציאָנאַלע היים אין ארץ ישראל אויף סאָציאַליסטישע יסודות.

ג) אנטייל נעמען אין דער ארבעטער באַוועגונג וואָס זוכט צו פאַרבעסערן די לאַגע פון ארבעטער קלאַס און ברייננגען א נייע און בעסרע סאָציאַלע אָרדענונג אויף דער וועלט.

אין די פּאַראַגראַפן האָבן די גרינדער פון פאַרבאַנד געזוכט פעסט צו שטעלן די הויפּט ריכטס ליניען פון פאַרבאַנד, אויך די פּראַקטישע צילן לטובת די מיטגלידער.

די גרינדער פון פאַרבאַנד האָבן שאַפענדיק די אָרגאַניזאַציע אוועק געשטעלט די בענעפיט צאָלונגען אויף א מאָדערנעם, זיכערן אופן, וויסענדיק די חסרונות פון דעם אלטען אָפּגעלעבטען סיסטעם וואָס פילע אָרדענס און בענעפיט אָרגאַניזאַציעס האָבען איינגעפירט, — 1) ווי די גלייכע צאָלונגען פון אַלע מיטגלידער; 2) דאָס קאָלעקטירן פון די מיטגלידער א געוויסע אָפּצאָלונג אין א צייט פון אן אומגליקס פאַל; 3) דאָס העבערן די צאָלונגען יעדע עטלאַכע יאָר און נאָך פאַרשידענע אנדערע ניט מאָדערנע און ניט וויסענשאַפטלאַכע סיסטעמען וואָס האָבן געפירט צום אונטערגאַנג פון פילע אָרדענס און בענעפיט אָרגאַניזאַציעס. די איינפירונגען האָט דער פאַרבאַנד געזוכט אויסצומיידן און ער האָט איינגעפירט א סיסטעם פון צאָלונגען און פון בענעפיטן וואָס איז מאָדערן און זיכער אין אַלע הינזיכטען. דאָס איז א סיסטעם וואָס איז געבויט אויף וויסענשאַפטלאַכע אויסגערעכנטע צאָלונגן לויט דער דערפאַרונג פון שטערבלאַכקייט אין די גרויסע פאַרזיכערונגס געזעלשאַפטן. א סיסטעם וואו יעדער מיטגליד צאָלט לויט זיין עלטער, יונגערע צאָלן וויניקער, עלטערע צאָלן מער, א סיסטעם אונטער וועלכער די צאָלונגען ווערען קיינמאָל ניט געהעכערט.

דער פאַרבאַנד אָפּערירט אונטער די געזעצן פון ניו יאָרק סטייט אינשורענס דעפּאַרטמענט און האָט א דערלויבעניש צו אָפּערירן אין פילע שטאַטן אין אמעריקאַ און קאַנאַדאַ. דעם פאַרבאַנד איז דערלויבט צו געבן זיינע מיטגלידער פּאַליסיס פון $100 ביז $5,000 פאַרן גאַנצן לעבן, פאַר 15 און 20 יאָר (פּיימענט לייף); 10, 15, 20 יאָר ענדאַוּמענט; „דאָבל אינדעמניטי" פאַרזיכערונג (דאָס אויסצאָלן טאָפּעלט די סומע אין פאַל פון אן עקסידענט). דער פאַרבאַנד גיט אויך זיינע מיטגלידער קראַנקען בענעפּיט 6, 10, 15 און 20 דאָלאַר א וואָך, געצאָלט 24 וואָכן אין יאָר. דער פאַרבאַנד האָט אויך פאַר זיינע מיטגלידער א הילפס פאָנד צו העלפן זיי אין צייט פון נויט און עלטער. ער האָט די בעסטע סאַניטאַריום פאַרבינדונגען פאַר די מיטגלידער און פאַר זייערע פאַמיליעס, אין די גרעסערע שטעט מעדיצינישע אָפּטיילונגען אין וועלכע עס שטעהן צום דינסט די בעסטע דאָקטוירים און ספּעציאַליסטן, פאַרבינדונגען מיט האָספּיטעלער וואָס דינען די מיטגלידער פאַר די מינימאַלסטע פּרייזן און אנדערע בענעפיטן וואָס זענען וויכטיק און נויטיק.

א חוץ די בעסטע בענעפיטן וואָס דער פאַרבאַנד גיט זיינע מיטגלידער גרינדעט ער אויך אין די מערסטע שטעט וואו ער האָט ברענטשעס און קלובן קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס ווי זומער קעמפּס פאַר קינדער און דערוואַקסענע; קרעדיט יוניאָנס, שפּאָר און ליי קאַסעס און אנדערע אינסטיטוציעס וואָס שטעהן שטענדיק צום דינסט סיי גייסטיק און סיי מאַטעריעל דעם מיטגליד פון פאַרבאַנד און זיין פאַמיליע.

דער פאַרבאַנד האָט זיך געשטעלט באַדייטענדע קולטורעלע און געזעלשאַפטלאַכע אויפגאַבן גלייך ביי זיין גרינדונג און האָט זיי דערפילט אין א גרויסער מאָס פאַר דער צייט פון זיין עקזיסטענץ און אָנגעפירט א פאַרצווייגטע קולטורעלע און דערציערישע טעטיקייט. ביי זיין ערשטער קאָנווענשאָן האָט דער פאַרבאַנד פּראָקלאַמירט די גרינדונג פון מאָדערנע אידישע פאָלקס שולן. צוזאַמען מיט דער פּאַרטיי פּועלי ציון האָט ער געגרינדעט די ערשטע אידישע פאָלקס שול (דאַן נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שול) וואָס איז געווען די ערשטע אידישע שול פון דעם טיפּ איבער דער גאַנצער וועלט. דער פאַרבאַנד האָט שטענדיג געזוכט צו געבן אַן ענטפער די אידישע מאַסן אויף די אָנגעווייטיקטע דערציאונגס פּראָבלעמען פון דעם אידישן קינד דאָ אין לאַנד. אַלעס וואָס איז אידיש, נאַציאָנאַלע און מענטשלאַך פּראָגרעסיוו איז איינגעשלאָסען אין דעם פּראָגראַם פון למודים פון די אידישע פאָלקס שולן וואָס ווערן געלייטעט פון א צענטראַלן שול קאָמיטעט וואָס שטעהט אינטער דער אויפזיכט פון פאַרבאַנד און פון פּועלי ציון.

פאַר דערוואַקסענע פירט דער פאַרבאַנד אָן אן אינטענסיווע קולטורעלע אקטיוויטעט. ער גרינדעט כאָרן, אָרקעסטערס און דראַמאַטישע סעקציעס און שיקט די גרעסטע אידיש געלערנטע אויף לעקציע טורס. ער זוכט צו באַלייכטן פאַרשידענע געזעלשאַפטלאַכע און קולטורעלע פּראָבלעמען דורך געשריבענע לעקציעס וואָס ווערן סיסטעמאַטיש געשיקט צו זיינע ברענטשעס און קלובן.

איינע פון די הויפּט געזעלשאַפטלאַכע צילן וואָס דער פאַרבאַנד האָט זיך געשטעלט ביי זיין גרינדונג איז די אקטיווע מיטהילף אויפצובויען ארץ ישראל אלס א אידישע נאַציאָנאַלע היים אויף גערעכטע סאָציאַלע יסודות. דער פאַרבאַנד האָט דאַרום זיך סאָלידאַריש פאַר־

# „עס איז איצט די צייט“

פון מאיר בראון

(גענעראל סעקרעטאר פועלי ציון־צעירי ציון)

צוויי פארטייען האָבען זיך איצט פאראייניגט, פועלי ציון און צעירי ציון! די פאראייניגטע פארטיי פון אמעריקא באטראכט ניט איר פאראייניגונג אלס אן איזאָלירטער פאל, נאָר אלס א רעזולטאט פון אנטוויקלונג פון געדאנקען־גאנג פון ארבעטער ציוניזם.

עס איז די קאָנסאָלידירונג פון כחות, וועלכע זיינען אידעאָלאָגיש און אָרגאניזאטאָריש פארבונדען מיטן בויענדען און ארבעטענדען ארץ ישראל, עס איז דער אויסדרוק פון דער גרויסער ראָלע וואָס דער ארבעטער פליגעל אין ציוניזם האָט אויף זיך גענומען.

די פאראייניגטע פארטיי האָט באנייט און אָבגעפרישט די ציוניסטיש־סאָציאליסטישע באוועגונג, וואָס האָט א פערטעל יאָרהונדערט געווידקט אין אמעריקא און געשאפען דאָ וויכטיגע קולטורעלע און סאָציאלע ווערטן און פאָזיציעס.

די פאראייניגונג האָט געגעבען אויסדרוק צו דער פארבאָרגענער ענערגי וואָס איז דאָ אין ארבעטער ציוניזם, און וואָס אנטפלעקט זיך איצט אין נייע מעשים און נייעם איינפלוס.

איין לייט מאָטיוו באווירקט די פירער פון דער פארטיי: בויען און פארטיפען אונזער באוועגונג דאָ אין אמעריקא פאר אונזערע אידעען און צילען.

דאָס אידישע אמעריקא לעבט דורך איבערגאנגס־מאָמענטען און איבערשאצונג פון אייגענע ווערטען קומט פאָר, אלץ שארפער ווערט די נויט און אלץ ברענענדער דער וואונש נאָך א לעבען פון שאפען און דערפילען דעם באָדן אונטער די פיס.

די פראגע פון דעקלאסירונג, די טראגעדיע פון אונטערגאנג, פרישט אָפּ דעם אינטערעס פאר א לעבען פון שאפענדער ארבעט סאי דאָ, סאי אין ארץ ישראל. פיל קאָן דאָ ווירקען אונזער ארבעטער ציוניזם, וואָס שרעקט זיך ניט פארן וואָרט סאָציאליזם, וואָס גלויבט אז אין סאָציאליזם ליגט די אויסלייזונג פון א ליידענדער וועלט, וואָס ווירקט דורך זיין ארבעט פארן אויפבוי, פון א פרייען אידישען ארבעטער לעבען אין ארץ ישראל.

די פאראייניגטע פארטיי איז פאראינטערעסירט אין היגע אידיש־עקאָנאָמישע און קולטורעלע פּראָבלעמען, עס איז דאָ בא איר א ווילן צו שאפען, צו ווירקען און זיך אויסלעבין קולטורעל, זי זוכט כחות פאר זיך, ארום זיך צו גרופירען.

דער אסימילאטאָרישער ראדיקאליזם פארלירט אלץ מער און מער זיין איינפלוס אויף די מאסען ארבעטער און איבערהויפט דער אידישער יוגענט, די לעצטע איז אידישער, ראדיקאלער, קאמפּסלוסטיגער, נאָהענטער צו אונזערע אידעען, צום חלוציזם, צום ארבעטענדען ארץ ישראל.

די יוגענט האָט דערשפירט דעם נייעם גייסט, זי ווערט פארכאפּט פון דאָס שאפענדע אין ארץ ישראל, וואָס אנטפלעקט זיך פאר אונזערע אויגען. די פאראייניגטע פארטיי בויט א יוגענט באוועגונג מיט א אינהאלט, מיט גלויבען, מיט אינטערעס. אין דער היינטיגער צייט פון ברודער קריג, רייסערייען, שפאלטונגען, האָט די פאראייניגונג אָפּגעפרישט, סטימולירט, גערייניגט און באפעסטיגט די רייען.

עס איז איצט די צייט פון בויען, דערפאר רופט די פארטיי אירע פריינט! שליסט אייך אָן, פאראייניגט אייך, און זאָל גרעסער און טיפער ווערען אונזער איינפלוס אין היגען לעבען. עס איז איצט די צייט!

# א קאָמוניסטישע שטים איבער׳ן ציוניזם

אין פארבאנד פון די ארץ ישראל׳דיקע סטודענטן אין לאָנדאָן האָט דער אינדישער קאָמוניסט סאקלאטוואלא, וועלכער איז פריער געווען דער איינציגער קאָמוניסטישער דעפּוטאט אין ענגלישען פארלאמענט, געהאלטען א רעפעראט איבער ענגלאנד, ציוניזם און די אראבער. צווישען אנדערעס האָט ער געזאָגט:

דער ציוניזם איז א פאקט, מיט וועלכען מען מוז זיך רעכענען. יאָ, ער איז אן אינטערנאציאָנאלע פראגע, וועלכע האָט א השפעה אויף דעם לעבענס־גאנג פון דער גאנצער וועלט.

סאקלאטוואלא איז מיט דער מיינונג, אז ענגלאנד האָט אויסגענוצט די אידישע סענטימענטען פאר ארץ ישראל, פונקט ווי די נאציאָנאלע און רעליגיעזע געפילן פון די אראבער אין לאנד. דער רעדנער גופא האָט נישט קיין פארשטענדניש פאר רעליגיעזע און געשיכטליכע סענטימענטען. דער פאקט וואָס די אידישע אָבות האָבען צוויי טויזענט יאָר געלעבט אין ארץ ישראל איז נישט גענוג, כדי צו באגרינדען דאָס רעכט פון די אידען אויף דעם לאנד, ווייל דאָס רעכט, וואָס ווערט געגעבען א פאָלק אויפ׳ן פאפּיר און ווערט נישט באגלייט פון מעשים, האָט נישט קיין שום ווערט. דער רעפערענט סימפּאטיזירט מיט דער אידישער איינוואנדערונג קיין ארץ ישראל. ער טוט דאָס אָבער אלס מאטעריאליסט. די אראבער זיינען אָפּגעשטאנען און האָבין נישט קיין דערפארונג.

דאָס לאנד, וואָס נעמט ארום ווייניגער ווי א מיליאָן איינוואוינער, קאָן דערנערען פיר מיליאָנען. די אידען ברענגען אריין אין לאנד געזונטהייט, פאָרטשריט און ליכט. „מיר, קאָמוניסטען, — האָט געזאָגט דער רעפערענט, — זיינען נישט געגען דער אידישער איינוואנדערונג. מיר זיינען אפילו נישט געגען די יעניגע, וועלכע זאָגען: „איך קלער וועגען דער געשיכטע פון מיינע אבות און וויל קומען אין דעם לאנד, אין וועלכען זיי האָבען געלעבט“. די דאָזיגע ראָמאנטישע ארגומענטען זיינען פּריוואטע ענינים פון יעדען יחיד און מען דארף זיי נישט געבען קיין פלאץ אין געזעלשאפטליכען לעבען.

„אויב איר קומט קיין ארץ ישראל, טאָ באדינט אייך מיט אנדערע מיטלען, אָבער קודש כל שטיצט אייך נישט אויף די ענגלענדער, וועלכע האָבען אייך נעכטען געשטיצט און היינט באשיצען זיי דעם מוסולמענישען קאָנגרעס מיט דער הילף פון שאווקאט אלי און פון דעם מופטי“.

די אראבער אין ארץ ישראל זיינען אידען, וועלכע געענדערט זייער רעליגע. וואָלטען מיר געקאָנט אנאליזירען דאָס בלוט פון די אראבער אין ארץ ישראל, וואָלט זיך ארויסגעוויזען, אז זיי זיינען אידען, וועלכע זייענן געצוואונגען געוואָרען אָנצונעמען א פרעמדע אמונה.

אז מען פארגלייכט די ארץ ישראל׳דיגע אראבער מיט די מוסולמענער פון די אנדערע לענדער, זעהט מען תיכף, אז די אראבער פון ארץ ישראל שטעלען מיט זיך פאָר א גאנץ אנדער פאָלק ווי די מחמד׳אנער אין די אנדערע לענדער.

„מיר וועלען אייך אונטערשטיצען, נישט דערפאר, ווייל איר זאָגט, אז איר זענט סאָציאליסטען, נאָר דערפאר ווייל איר עמיגרירט אין דעם לאנד, געשטיצט אויף דעם מענטשליכן רעכט און ווייל איר ברענגט א ברכה דעם לאנד און זיינע איינוואוינער. און דאָס דאָזיגע רעכט איז בעסער ווי פאפּיר, וואָס באלפור האָט געשריבען, אָדער ווי דאָס רעליגיעזע רעכט“.

צו די אראבער האָט ער אזוי געזאָגט:

„געהט נישט אין די וועגען פון שאווקאט אלי, ווייל ער איז אן אינסטרומענט אין די הענט פון ענגלאנד. „אוועק פון דאנען!“ מוזט איר זאָגען צו אייערע פידער. נאָר צוזאמען מיט די אידען וועט איר ברענגען פּראָגרעס און גליק פאר פאלעסטינע פאר דער גאנצער מענטשהייט“.

אזוי האָט גערעדט א קאָמוניסט — פארשטעהט זיך, ניט קיין אידישער.

# דער געווערקשאַפטען קאמפּיין

דער נאַציאָנאַלער ארבעטער קאָמיטעט, פאַר די אידישע ארבעטער אין ארץ ישראל, רופט דאָס יאָר פּונקט ווי די לעצטע עטליבע יאָר, יעדען אידישען ארבעטער, יעדען פאָלקס־מענטשען וועלכער ווייסט ווי אַפּ צושאצען די גרויסע ארבעט וועלכע ווערט געטאָן פון די אידישע ארבעטער אין ארץ ישראל, סאי אויף דעם געביט פון אויפלעבען דאָס לאנד, וועלכעס איז צוויי טויזענט יאָר געוועזען וויסט און געוואָרען א נעסט פון מאלעריא, ניט קולטואווידט, ווי אויך די ארבעט אויף דעם סאָציאליסטישען געביט.

די בויאונג פון דעם אידישען היים־לאנד וועלכע ווערט געבויעט פון אונזערע חברים איז אויף די יסודות פון יושר און סאָציאלער גערעכטיגקייט.

דעם קאמף וואָס אונזערע חברים פירען יעצט אָן אויף אלע פראָנטען, דארף און מוז אונטערגעשטיצט ווערען פון יעדען רעכט דענקענדען מענטשען. דער איינציגער וועג אויף וועלכען מיר, בא אונז אין שטאָט קענען העלפען אין דער ארבעט, איז זיך אָנצושליסען און ווערען אקטיוו אין דעם געווערקשאפטען קאמפּיין, וועלכער וועט אויך היינטיגס יאָר זיך אָנהויבען מיט דער פייערונג פון דעם דריטן סדר, לכבוד אונזערע חברים אין ארץ ישראל.

## דער דריטער סדר

דער יערליכער צוזאמענקונפט פון אלע נאציאָנאל־סאָציאליסטישע עלעמענטען בא אונז אין שטאָט, איז די פייערונג פון דעם דריטען סדר. מען קען מיט רעכט זאָגען, אז דער אָוענט פארשאפט באמת א גייסטיגען פארגעניגען, א התרוממת הנפש צו די אלע אָנוועזענדע; עס ווערט געשאפען בא דעם דריטען סדר א הייליגער בונד מיט אונזערע חברים בדעה אין ארץ ישראל, וועלכע שטעהן אויף זייערע פּאָזיציעס יערען טאָג אין יאָר; ווערען שטארקער פון טאָג צו טאָג אין זייער גלויבען און קוראזש, דורך צו פירען דעם אָנגעצייכענטען פּראָגראם פון אויפבויען א אידיש לאנד פאר דעם גאנצען אידישען פאָלק. די פייערונג פון דעם דריטן סדר היינטיגס יאָר, וואו דער קאמפּיין קומט פאָר אין א צייט ווען די עקאָנאָמישע לאגע איז א שווערע, דארום ליגט אויף אונז נאָך א גרעסערער חוב זיך אריין צו ווארפען אין דער ארבעט און אלע צוזאמען פייערען דעם דריטען סדר.

## דער בלומען טאָג

שוין פאר די לעצטע צוויי צענדליג יאָר, פירען מיר דורך דעם ערשטען מאי א בלומען טאָג און א הויז צו הויז זאמלונג פאר דעם „פּאלעסטינער ארבעטער פאָנד“.

דער היי־יאָריגער בלומען טאָג, וועלכער איז פארבונדען מיט דעם געווערקשאפטען קאמפּיין מוז דורכגעפירט ווערען אויף א גרויסען מאסשטאב — גרעסער ווי אין אלע פריערדיגע יאָרען, ווייל עס מוז געשאפען ווערען דעם טאָג א באדייטענדע סומע, כדי דער קאמפּיין זאָל זיין דער דערפאָלג וועלכער עס מוז זיין, דער דערפאָלג וועלכער ער דארף זיין.

דער היינטיגס יאָריגער בלומען טאָג וועט פאָרקומען זונטאג דעם ערשטען מאי, אָבער כדי צו האָבען דעם דערפאָלג, וועלכען מיר האָבען זיך אָנגעצייכענט, איז נאָך מעגליך ווען מיר וועלען דעם טאָג האָבען גענוג מענטשען ארויס צו געהן און מאָנען דעם חוב פאר אונזער אויפבוי ארבעט אין ארץ ישראל.

# מיט מוטה און קוראזש—צו דער ארבעט

באגריסונגס וואָרט פון א. העמלין

נאַציאָנאלער סעקרעטאר פון געווערקשאפטן קאמפּיין

א הארציגען גרוס און חבר׳שע באגריסונג צו אונזערע פּראָווידענסער חברים און פריינט לכבוד דער ארויסגאבע פון דער יערליכער פּסח בלאט און דעם אָנפאנג פון געווערקשאפטען קאמפּיין פאר דאָס ארבייטענדע ארץ ישראל.

מיט א געפיל פון שטאָלץ און חברשער אנערקענונג באָבאכטען מיר אייער ענערגישע ארבעט, וועלכע ווערט שטאדקער און ערפאָלגרייכער פון יאָר צו יאָר. אן אמת הארציגער בונד איז באשאפען געוואָרען צווישען אונזערע חברים און פריינט פון ראָוד איילאנד מיט די טויזענטער און טויזענטער אידישע ארבייטער און פּיאָנערן וועלכע בויען דעם סאָציאליסטישען שטאט אין דעם אלט־נייעם לאנד, און אָט דער צוזאמענבונד גיט מוט און קוראזש יאָר־איין — יאָר־אויס אָנגעהן מיט דער ארבעט און דערגרייכען באדייטענדע רעזולטאטען.

און ווירקלאך, דער פּראָגרעס פון אונזער ארבעט אין ארץ ישראל מוז געבען אויסער געוויינליכען מוט צו אלע אונזערע חברים אין אמעריקא, סיי די וואָס שטעהן אין צענטער, און סיי די וואָס זענען צושפּרייט איבערן לאנד. דאָס ליכט פון ארבעטענדען ארץ ישראל דערגרייכט די טיפסטע ווינקעלאך פון דער אידישער וועלט. דער פאָרשריט וואָס איז רער גרייכט געוואָרען אויף אלע געביטען פון עקאָנאָמישען אויפבוי, פון קאָאָפּעראטיווען צוזאמענלעבען, פון גייסטיגער דערהויבונג, מאכט יערען איינעם פון אונז צו פילן, אז מיר ארבעטען ניט אומזיסט, און אז מיט יעדען יאָר וואָס געהט פאָריבער לייגען מיר אוועק א נייעם ציגעל צו דער געביידע פון אונזער ארבעטענדער היימלאנד, וועלכע וועט פארבלייבען אלס אייביגער מאָנומענט פאר די קומענדע דורות פון אונזער פאָלק און פאר דער גאנצער מענשהייט.

שיקען מיר דערפאר אונזער חברשע גרוסען צו אלע טוער פון אונזער קאמפּיין אין פּראָווידענס און צו אלע די וועלכע דארפען ארויס געהן צו דער ארבעט. אונזער ערשטער וואָרט צו אייך, חברים, איז מוט, **קוראזש און עקשנות**, מיט דעם גייסט ארבעט די הסתדרות. מיט דעם גייסט זאָלען אויך איר ארבעטען איר פארבינדעטע אין אמעריקא. ניט ווי דערשלאָגענע און אָפּהענדיגע, נאָר מוטיג און מיט אויפגעהויבענע קעפּ דארפען מיר איצט ארויס צו דער ארבעט. עס איז ניט דצקה וואָס מיר זאמלען, נאָר א גרויסע קאָנסטרוקטיווע טאט פאר דער געזונט מאכונג פון אונזער פאָלק און פארן ארבעטער קלאס. ניט קיין צייטווייליגע פילאנטראָפּיע שאפען מיר, נאָר אייביגע ווערטען וועלכע וועלען פארשאפען אונזער פאָלק א בכבוד׳יגען פּלאץ צווישען די נאציעס פון דער וועלט.

אָט מיט דעם גייסט, חברים, גייט ארויס צו דער ארבעט. זאמעלט מענשען און זאמעלט געלט, וועקט און ערמוטיגט די אידישע מאסען. נעהמט זיי ארויס אויף א מאָמענט פון זייער גלייכגילטיקייט און יאוש, און דורך דעם געווערקשאפטען קאמפּיין זאָגט זיי אָן, אז עס קומט אָן א בעסרער טאָג פאר אונזער פאָלק און פאר דעם אידישען ארבעטער, און יעדערער האָט די זכיה צו מיטגעהן אָט אין דעם מארטש פאָראוים, צולייגען זיין האנט, און דערנעהענטערען דעם טאָג פון ליכט און זעלבסט באפרייאונג.

דארום רופען מיר די אלע, וועלכע קענען העלפען אין דער ארבעט, שליסט זיך אָן אלס וואָלונטירען און העלפט אין דער גרויסער, הייליגער ארבעט, וועלכע איז א חוב פאר יעדען רעכט דענקענדען אידען. לאָמיר אלע צוזאמען מאכען דעם קאמפּיין היינטיגס יאָר פאר דעם דערפאָלג וועלכער ער האָט זיך פארדינט.

אלטער בוימאן.